1920

אויסצודריקען אלעס, וואס זי לעבט איבער, אלץ וואס פערשאפט איהר שמערצען און פרייד. זי איז אבער ניט אימשטאנד דאס צו טהאן, און צוליעב דעם איז זי אזוי אפט ניט צופריעדען מיט איהר שאפען; צוליעב דעם לעזט זי קיינמאל ניט איבער וואס זי שרייבט; צוליעב דעם גלויבט זי אפט ניט אין איהרע קרעפטען, און דא אייגענטליך ליעגט דער שליסל צו איהר פערזענליכען לעבען. זשארזש זאנד לעבט מיט דער גאנצער לייךענשאפט פון איהר טעמפעראמענטאלער נשמה. דער הייליגער פייער איז אבער ניט אייביג, און נאהענטע צווארמענלעבען ווערט ער שוואכער. און זשארזש זאנד מוז אבער ברענען, און צוליעב דעם איז אזוי גרויס די צאהל פון איהרע ראמאנען, וועלכע מען פלעגט זעלבסטפארשטענדליך אויסטייטשען ניט אזוי שעהן.

זשארזש זאנד האט געפיהרט א וואגאבונדען לעבען. איהר הוים איז געווען די קינסטלער פאמיליע, אין וועלכער זי האט זיך געפיהלט ווי א פיש אין וואסער. אין דיעזע פאמיליע פלעגט זי אפט פארברענגען די צייט זארגלאז, פרעהליך, פריי, גיט רעכענענדיג זיך מיט דער וועלט. אזוי איז זי אמאל מיט ליסטען און נאך אייניגע געפאהרען קיין שווייצאריען. די איינוואהנער פלעגען מיינען, אז דאס איז א ציגיינער גרופע, אזוי איינענ־ארטיג זייגען געווען זייערע קליידער. אייגענארטיג איז געווען זייער האלטונג. ערשטוינט פלעגט מען אויך ווערען פון זייערע ענטפערען, וואס זיי פלעגען איינשרייבען אין די ביכער פון די האטעלען, ווי צום ביישפיעל, „היימאטה — די גרויסע וועלט; באשעפטיגונג — דאס ארומרייזען.“ א. ז. וו.

די לעצטע יאהרען פון איהר לעבען האט זשארזש זאנד פארבראכט רוהיג מיט איהרע אייניקלאך, וועלכע זי פלעגט דערצעהלען אלערליי שעהנע מעשה'לאך.

# דער קישינעווער פאגראם און די אידישע מוזיק.

## צו דער געשיכטע פון אידישע מוזיק געזעלשאפטען אין רוסלאנד.

שלמה גאלוב

דאס איז געווען אין זומער פון נײַנצעהן דריי. ווען דיא אידישע דאטשניקעס פון דובעלען (ביים ברעג פון באלטישען ים) האבען געלעבט און געאטהעמט אונטער דעם שרעקליכען איינדרוק פון דעם ערשטען קישענעווער פאגראם. די מעהרסטע אידישע דאטשניקעס האבען עפעס נויא א פאטשאוערט זיך גע־מאכט, פארוואס זיי זיינען דא פאר פערגעניגען אין דער צייט וואס זייערע ברידער „דארטען“ האט געטראפען אזא אומגליק. מען איז נאך דאן ניט געווען אזוי צוגעוואהנט צו דעם וויא היינט. דער קישענעווער פאגראם האט דא אלעמען דערנעהענ־טערט אויף דער דאטשע און מען איז געווארען אפענהערציגער איינער צום אנדערען.

היינטיגען יאהר האט מען דא פשוט אידיש גערעדט. דער דייטש מיט דיא גריינען אלא ריגא און קורלאנד, איז דא פאר א קורצער צייט נעלם געווארען... אידען וואס האבען זיך יאהרען לאנג פארשטעלט אום א גוואלדאוונעם איינדרוק דא צו מאכען, זיינען איצט ארוים פון דער־ראלע... אידען זיינען דאך אידען! מען האט קיין געשפרעך ניט אנגעפאנגען, וואו מען זאל ניט דערמאנען דיא בלוטיגע געשעהעניש... און ווי קען מען זיך נאך אזוי אויסוויינען ווי אין אידיש?... אזוי איז כמעט אוועק דער זומער. א סך פון דיא דאטשניקעס אונזערע האבען טאקע צום ערשטען מאל דערפיהלט געזונט. מאנכע פון זיי האבען גע־קראגען א ליכטיגערען פנים, א בעסערע הארץ; שפעטער האבען זיך פון זיי ענטוויקעלט גוטע געזונדע מענשען.

אויך צווישען דער שטודירענדער יוגענד אין דובעלען האט זיך יענעם סיזאן בעוויזען אן ענדערונג. אין זייער ארט פאר־ברייגגען. א סך פון דער אינטעליגענץ וואס האבען פריהער גע־וויכט פון אידישע רעסטאראנען, עפענטליכע פלעצער, וואו דיא עכט־אידישע דאטשניקעס קומען זיך צוזאמען. פלעגען איצט זיין נאר דא! מען האט אפילו געזעהן אין קרייז די אסימי־לירטע פני, וואס האבען געוואגט מיט צוויי סיזאנען פריהער, צו מאכ'ן א אידען אז ער האט ניט קיין בארד פאס... (דיא בריטע ליכ' האבען ניט געהעיט פארמראנען פאר־וואס א איך א האלין העגדלער און א משכיל, פלעגט אלעמאל זיי אויפוועקען מיט זיין תהלים זאגען אויפ'ן קול...)

זייענדיג אלע דא פערזאמעלט פאר פערגעניגען, פלעגט מען זיך צוזאמענקלייבען אין קרייזען וואו עס זיינען דא יונגע לייטלען וואס קענען זינגען, וואו עס קומען זיך צוזאמען אידישע טעכטער וואס קענען פיאנא שפיעלען. דערצו פלעגט מען נאך דא אין דובעלען געפינען א פאאר זינגערלאך פון חזן ראזאווסקי, וואס פלעגען זינגען הארציג פאר א מאלצייט, פאר א פאאר גילדען, אדער פאר א בריוועל וואס דיא גרולים פון דער דאטשע האבען צוגעזאגט צו געבען צו א חברה וואס גיט שטיצע פאר בילדונג אין פעטערבורג.

אויך דאס זינגען און שפיעלען האט היינטיגען סיזאן אנ־גענומען אן אנדער ווענדונג. אין דיא פריהערדיגע סיזאנען פלעגט מען דא שפיעלען פיאנא קאמפאזיציאנען, קלאסישע ליעדער אדער גאר א קופלעטעל אלא וויען. דעם סיזאן איז דא פון אנהויב דער פראגראם ניט געווען קיין בעשטימטער. צו אונזער גרויסער איבערראשונג האט מען גאר אנגעפאנגען מע־לאדיען פון אלטע אידישע אפערעטען.

אין א געוויסען אבענד, ווען מען איז דא געקומען אין דיא הויז פון א רוגא'ר מוזיק פעדאגאג, וואס האט פערבראכט אין קישענעוו דיא לעצטע פאאר יאהר, האט מען פלוצלונג דער־הערט א אידישען נגון צום ערשטען מאל אין זיין זומער סטודיא. אונזער מוזיק פעדאגאג וואס איז געווען דער בעדייטענדסטער בראמס־בעטהאווען קענער, איז איצט צו צום פיאנא און אנגע־פאנגען אימפראוויזירען. ווען זיין אימפראוויזאציע איז צו ענדע געווען, האבען מיר דערהערט א פשוט הארציגע ליעדעל. ער האט אלעמען איבערראשט. מען איז געבליבען פארגאפט! מען האט ניט געוואוסט דעם נאמען פון דאס ליעדעל, אבער עס איז געווען צום הארצען. ער האט באלד זיין אימפראוויזאציע געשלאסען מיט דאס ליעדעל אלס לייטמאטיוו. און נאך אן „ארפעדזשיא“ האט ער איינגעזעצט מיט א שעהנעם לירישען באריטאן:

„איך האב אויך אמאל פרובירט מיין גליק,
איך האב זיך אנגעהאנגען אן א שיף,
דער ווינד האט מיך צוגעטראגען צו שכנים צורות;
איך בין באלד גיט ארײַן אין ים גאנץ טיעף.

דו שעהנע וועלט, דו ביזט ניט פאר מיר,
איך האב אין דיר קיין געפיהל:
איך האב אין דיר אליין ניט געוואוסט,
פון קיין איינציגען גוטען טאג.

זיין גצואנג איז פערשטילט געווארען מיט א שעהנעם פינאל פון א פאאר אקארדען אויף דער פיאנא. עטליכע סעקונדען איז מען געזעסען ווי א פערשטיינערט. באלד האט אבער אויסגעמען בראכען א הארציגער טעמפעראמענטפולער אפלאז. דיא פערזאמעלטע האבען אנגעפאנגען זיך בעטען ביי איהם ער זאל נאך אמאל זינגען. זיין באנעהמונג און אויפרעגונג און שטיל שוויינענדע נערוועזיטעט, האט אלעמען דא בעוויזען אז מען דארף איהם איצט צורה לאזען אויף א ווײלע.

שפעט נאך דעם זעלבען אבענד האט אונזער געזעלשאפט אנגעפאנגען זינגען. פריילין ס. א שילערין פון אונזער פעדאגאג ביי וועלכען זיא האט געלעהרענט די קאמפאזיציאן קונסט און פיאנא פאר די לעצטע פיער יאהר, האט זיך ערשט צוזונגען פאלקס־ליעדער. גראדע דאן איז אנגעקומען איהר ברודער (א דערפעטער סטודענט, וואס האט ניט געקענט פארטראגען דעם האלץ־העגדלערס תהלים) זיא נעהמען אהיים. ער האט איהר דערמאנט אן זיין ליעבלינגס־ליעדעל, וואס זי האט לעצטענס דא אויפגעכאפט פון דער הויז־מיידעל. „זינג דיא זשארגאנישע ליעדעל. זינג, זינג! דיא ליעדעל וואס מאמע זינגט מיט. זינג, זינג!“ און פריילין ס. האט פארטגעזעצט:

ווען בו וועסט צו דיין האכצייט פאהרען,

[illegible] א [illegible] קליידער:

און איך וועל דאן ליגען אויפ׳ן בעטעל א קראנקערע,

פארלאנגען ניט מעהר ווי דעם טויט!

דעם ערשטען קינד ווען דו וועסט געבארען,

א נאמען זאלסטו געבען נאך מיר.

דעם גרויסען אנדענקונג זאלסטו האבען,

אז איך בין געשטארבען דורך דיר!

פריילין ס. איז ניט געווען דיא לעצטע אויפ׳ן פראגראם היינט. דיא מעהרסטע פון דיא טאלאנטען דא האבען עפעס געהאט בייצושטייערן פון פשוט׳ען פאלקס־ליעד. מען האט געזונגען און געשפיעלט ביז זונען אויפגאנג. אויף מארגען האט אונזער מוזיק פעדאגאג געמוזט זוכען אן אנדער וואהנונג. דער ווירטה פון האטעל האט בעהויפטעט, דאס מען האט זיינע געסט פון שלאף געשטערט: אבוואהל דיא געסט זיינען מעהרסטענס ארום פענסטער געשטאנען. דער פאליציסט פון דער נאכבארשאפט האט זיין פרייז געהעכערט פאר שענקען דיא „רוה־שטערער“ פון אונזערע דאטשניקעס.

דאס איז געווען אין סליחות אבענד. דיא מעהרסטע פון דיא אידישע דאטשניקעס זיינען שוין געפאהרען אהיים, אין דעם הויז פון אונזער מוזיק פעדאגאג האבען זיך איצט צוזאמענגעקליבען אייניגע בעדייטענדע פאר־מענער פון דער מוזיק פראפעסיאן, אייניגע ליטעראטען, אייניגע שטודענטען פון ריגא׳ר פאליטעכניקום, צוויי בעדייטענדע מענער פון דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג. פריילין ס. און איהר ברודער, א ריגא׳ר גאלאנטיריי הענדלער, א משכיל און א יונגער באריטאן, וואס האט געזאלט באלד קיין ברעסלוי פאהרען פאר א הויךשטודיום אין מוזיק. מען איז זיך צוזאמענגעקומען בעשפרעכען דעם פלאן צו גרינדען א חברה וואס זאל זיך אפגעבען מיט זאמלען און ענטוויקלען אידישע פאלקס־ליעדער און אידישע מוזיק אין אלגעמיין.

נאכדעם ווי מען האט [illegible]

איז באשלאסען געווארען: אזוי ווי די מעהרסטע פון די אנוועזענדע פארנעהמען זיך מיט דער מוזיק פראפעסיע אין פערשיעדענע גרויסע שטעדט אין לאנד און אין אויסלאנד, זאל מען זעהן רופען א פארזאמלונג און באשפרעכען, ווי אזוי מען קען אנפאנגען זאמלען און ארויסגעבען אידישע פאלקס־ליעדער, פאלקס־נגונים, און זיי אריינברענגען אין אידישען פאלקס לעבען.

מען האט זיך געזעצט ביי א גלעזעל טהיי. פריילין ס. האט ארויסגענומען עטליכע מוזיק מאנוסקריפטען, וועלכע זי האט לעצטענס אראנזשירט פון פאלקס ליעדער, וואס זי האט דא און דארטען אויפגעכאפט, ווי אויך איין ארענדזשמענט פון א אידיש־רעוואלוציאנערע ליעד. זי איז צו צו׳דער פיאנא און האט אונטער אייגענע באגלייטונג אנגעפאנגען זינגען אן אריגינעלע פאלקסטימליכע ליעד, מיט׳ן טעקסט וואס איז געווען געדרוקט אין א דאמאלדיגע צייטונג. זי האט הארציג איינגעזעצט מיט איהר טיעפע אלט שטימע:

דער רעגענדעל קאפעט,

דער ווינטעלע בלאזט:

ס׳גיעהט איבער׳ן קערפער,

אריבער א פראסט.

אוועק איז דער יום טוב,

געבליבען קיין זאך:

אויף אנבייסען קאכען,

פארברענט די סכך.

די פערזאמעלטע האבען פריילין ס. ארומגערינגעלט און מען האט מיטגעזונגען. נאך עטליכע מאנוסקריפטען האט אונזער מוזיק פעדאגאג ארויסגעלעגט: א רעקרוטען ליעד און א מיניאטור פיאנא שטיק, מיט דעם מאטיוו פון „צעהן ברידער זיינען מיר געווען“, — און מיט דעם האט, דאכט זיך, אויסגעוויזען, וועט זיין געשלאסען דער פראגראם היינט.

מען האט זיך ווידער צום טיש געזעצט, ווידער טהיי געטרונקען. און דא איז די טהעמא ארויף וועגען פראקטישעס. עס איז דיסקוטירט געווארען — צי דארף א ווידטואזא, אן עכטער קינסטלער, בייטען זיין נאמען, וואס זאל קלינגען ווייט פון אידיש, פאר זיין ערפאלג? די דעבאטע האט אנגעריהרט א גרויסע וואונד... אונזער מוזיק פעדאגאג האט קיין אנטהייל ניט גענומען אין איהר. ער איז געזעסען און געבלעטערט אן אלבאם פון בראהמס ליעדער. נאך׳ן שנעלען בלעטערען האט מען געזעהן אז ער איז ניט פערטיעפט איצט אין דעם... ער איז פון טיש אויפגעשטאנען: געהענדיג צום פיאנא האט ער מיט וועהטאג, נערוועז אויסגערופען: „אלץ ארויסגעווארפענע רייד! עס איז קיין אונטערשיעד ווי איהר זאלט זיך ניט רופען. אין א פאגראם קלייבט מען ניט אויס!“... און זעצענדיג זיך בײ׳ם פיאנא האט ער אנגעפאנגען זינגען:

וואס מיר זיינען זיינען מיר,

אבער אידען זיינען מיר,

וואס מיר טהוען טהוען מיר,

וואס מיר זיינען זיינען מיר,

און אלע האבען אונטערגעכאפט דעם פערז וואס איז געווען דא אין דער מאדע אלס רעפריין די לעצטע צייטען:

אבער זינגען זינגען מיר.

אבער אידען זיינען מיר.

וואס מיר זינגען זינגען מיר,

אבער אידען בלייבען מיר [illegible]

---

„טהייערער פריינד און לעהרער:

„איך בין דא זעהר ענטוישט לעצטענס אין פעטערבורג. איך האב אלץ גערעכנט, אז מיר וועלען זיין די ערשטע אין דער

בעווענונג צו גרינדען דא איין ארגאניזאציע צו זאמלען און ענטוויקלען אידישע פאלקס ליעדער און פאלקס מוזיק.

לאום זיך נאר אוים, אז אזא ארגאניזאציע איז שוין דא! הײַנטיגען סיזאן איז די גאנצע אידישע אינטעליגענץ וואס איז פארבונדען מיט אונזער פראפעסיע, געקומען פון זייער זומער ערהאלונג מיט לײַזעלבע פלענער וואס מיר. איך נעה טאקע תיינט צו א פערזאמלונג וועגען דעם. לונץ וועט פארשפיעלען איניגע פון זיינע אראנזשירטע פאלקס ליעדער הײַנט אבענד.

„וואס הערט זיך ביי אייך? ווי ווייט זייט איהר מיט אייער סימפאני „ישראל"? וועט פארטיג זיין די פארטיטורע באלד? איך וועל זיכער זיין פאר איניגע וואכען אין דער היים. איך וועל אייך העלפען ארויסציהען די שטרייך אינסטרומענטען פון אייער סימפאני, אום זיך צו באקענען מיט די אלטע אידישע געזאנגען, וואס איהר ווענדעט דארטען אן...

אייער שילערין ס.

„ג. ב. — א גרויסע סענסאציע האט דא געמאכט אונזער ראסטאווער פריינד, דער פיערעל ווירטואז, מיט'ן עכט רוסישען נאמען.

„ער איז אויפגעטראטען אלס סאליסט מיט שנעעפאכט'ס ארקעסטער, און האט ארויסגערופן רעספעקט מיט זיין מייסטערהאפטען שפיעלען אן אייגענע קאמפאזיציע „חצות"! ער איז אויפגעטראטען אונטער דעם נאמען באריס פעלדמאן, און איז ענדליך אנגאזשירט געווארען פאר א גרויסען קאנצערט־טור".

אין נײַנצעהן־זיבען, ווען די רעאקציע האט ווידער פארשווארצט גאנץ רוסלאנד, נאך די אומגליקליכע רעוואלוציע פון פינף און זעקס, האבען די מעהר גיכטערע אנגעפאנגען א נאציאנאל־קולטורעלע באוועגונג פאר א קונסט אויפלעבונג! פיעלע ליטעראטען, האלבע ליטעראטען און כמעט מוזיק סטודענטען, האבען זיך אוועקגעלאזען איבער פוילען, אוקראינא, ליטא, גאליציען און בעסאראביען זאמלען פאלקס־ליעדער, שפריכווערטער און פאלקס־מעשה'לאך. אלע זיינען געווען אנגעלאדען מיט ענטהוזיאזם, מיט ליעבע פאר דער זאך. און עס איז קיין וואונדער ניט!... די ארבייט איז געווען אן אינטערעסאנטע. די אויפנאהמע פון אזעלכע גרופען מיט אזא מיסיע, אין די קלענערע שטעדט, איז געווען ברייטהערציג. מען האט אריינגעבראכט צווישען די ענטוישטע א נײַ לעבען אין יענע גרויע טעג; און די ארבייט איז אנגעגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער.

מען איז אנגעקומען אין א שטעדטעל, האט מען זיך נאכגעפרעגט: „ווער זינגט ביי אייך פאלקס־ליעדער? ווער קען פאלקס לעגענדען און עהנליכעס?" און באלד האבען זיך געפונען ארבייטער, זינגערלאך, לעהרער און אינטעליגענץ פון'ם שטעדטעל, בדחנים, יונגע לייט'לאך וואס פלעגען שיקען קארעספאנדענץ אין דאמאלסדיגע „זשארגאנישע" צייטונגען, אײַדעמס אפיקורסים, וואס האבען דעם מוטה געהאט זיצענדיג ביים שווער אויף קעסט, ווען עס איז געקומען זייער פיערטער קדיש, ניט צו דאווענען אין טאג פון ברית... און זיינען אויך געווען די ערשטע צו לייענען און פארלייענען פאר'ן קרוזשאק די קליאטשע, און שפעטער אויך פינסקי'ס א פקיצע און נעקראסיע געלערנט די חיגע פעל ארבייטער, סטאליארעס און טעפער, ביים קופערשמיד אויפ'ן ווערקשטאט.

מען האט אנגעקליבען גאנצע פעק פון דעם פאלקס מאטעריאל: די ליטעראטען פון אזעלכע עקספעדיציעס האבען זיך אויך צוגעכאפט צום פנקס אין יעדע שטאדט און שטעדטעל. וואו נאר זיי האבען געהאט די מעגליכקייט. די מוזיקאלישע פעלד־גרופען האבען פאר קיין פאל ניט געקענט פארשטעהן, פארוואס זייערע קאלעגען גיבען זיך אפ מיט'ן פנקס אין דער צייט ווען עס איז נאך דא א סך מעלאדיען אויפצונעהמען אויפ'ן פאנאגראף וואס מען האט מיטגעבראכט פאר דיעזען צוועק.

עס איז פארלאפען א פאר יאהר און מען האט אנגעפאנגען גרינדען געזאנגס פעראיינען איבער גאנץ רוסלאנד: מען האט אנגעפאנגען זינגען פאלקס ליעדער אויף פערשיעדענע קאנצערטען, אראנזשירט פון די אידישע אינטעליגענץ. די אידישע געזאנגס־פעראיינען זיינען געווען די פערוויילונגס פלעצער פון די אידישע אינטעליגענץ. זיי זיינען געווען דאס וויגעלע פאר דער ערשט געבארענער נאציאנאלער קולטור בעוועגונג.

איניגע פערלאגען האבען אנגעפאנגען ארויסצוגעבען די אראנזשירטע פאלקס־ליעדער. באלד איז אויך געגרינדעט געווארען די פעטערבורגער מוזיקאלישע געזעלשאפט. און דורך איהרע אויסגאבען האט מען זיך דערוואוסט פון גאנץ בעדייטענדע טאלאנטען, אין דער יונגער אידישער קאמפאזיציאנס קונסט. זייער בייטייליגונג צו דער אידישער מוזיק־ליטעראטור, האט צוגעצויגען אויך איניגע פון די רוסישע קאמפאניסטען, ווי רימסקי קארסאקאף, גלאזונאוו און אנדערע. די לעצטע האבען אויך אנגעווענדעט איינינגע אידישע מוזיק טהעמען פאר קלענערע און גרעסערע מוזיק ווערק פון זייערע לעצטע שאפונגען פאר יענער צייט.

די באוועגונג פאר ענטוויקלונג פון אידישער פאלקס מוזיק איז אריבער ווייט די גרענעצען פון רוסלאנד. אין דייטשלאנד איז דאן געווען אן אפטהיילונג פון דער פעטערבורגער אידישער מוזיק געזעלשאפט, וועלכע האט בעקאנט געמאכט די עטליכע מוזיק טהעארעטיקער אין אייראפא מיט אידישע פאלקס־ליעדער. און דא האט זיך די אידישע מוזיק פארשפרייט צווישען די מוזיקאלישע אקאדעמיקער, וועלכע זיינען פערבונדען מיט דער גאנצער וועלט טאנקינסטלער! דא און דארטען האט זיך באוויזען א מיניאטור ווערק, אן אינסטרומענטאלע אדער וואקאלישע, מיט דעם לייט־מאטיוו מעהרסטענס פון די טראדיציאנאלע אידישע געזאנגען; אבער זעלטען מיט די גרונדלאגען פון א עכט אידישען פאלקס מאטיוו.

אייניגע טאלאנטפולע זינגער האבען אריבער געבראכט אויך אהער אין אמעריקא דאס אידישע פאלקס־ליעד, און האבען דאס דעמאנסטרירט אויף א גראנדיעזען אופן. די אידישע פאלקס ליעדער זיינען הארציג אויפגענומען געווארען פון די אידען דא אין לאנד.